## פרשת כי תצא ח' - י"ד אלול תשפ"ב לפ"ק

***יום ראשון פרשת כי תצא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל סעודת הילולא של מרן **הגה"ק רבי יונתן שטייף זצוק"ל** אב"ד דקהלתנו הק', שהתקיים בבית מדרשנו בוויליאמסבורג, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** האט פריער געהערט ווי שיין מען האט ארויסגעברענגט די געוואלדיגע צדקות און קדושה, די מידות טובות און חסד, פונעם הייליגען צדיק **רבי יונתן זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל.** נאך אזא גרויסע קריג וואס איז געווען, ווען עס זענען צוגענומען געווארן כמעט אלע גדולי ישראל פון יענעם מקום, האט דער אייבערשטער איבערגעלאזט געציילטע צדיקים, וואס זאלן קענען אויפשטעלן פון פריש דעם בית ישראל, ווען מען איז געקומען אהער אויף אמעריקא. און בתוכם איז געווען רבי יונתן זצ"ל, וואס איז געווען פון די שענסטע גדולי ישראל וואס זענען געבליבן נאך די קריג. גרויס אין תורה און הוראה. און דער מקום, האט געהאט די זכיה אז ער האט משמש געווען דא ברבנות, און ער האט אראפגעלייגט א יסוד פאר אלעם וואס מען זעהט היינט, אלעס איז צו פארדאנקען אויף די קדושה פון די התחלה וואס איז געווען דא אין דעם מקום. ער האט איבערגעלאזט א רושם דקדושה אויף שפעטער.

**מען** געפונט אין די קומענדיגע פרשה, די תורה רעדט פון די ברכות וואס וועט זיין ווען מען וועט האלטן די תורה. זאגט דער פסוק (דברים כח-יג) ונתנך ה' לראש ולא לזנב, דער אייבערשטער וועט דיך מאכן פאר א ראש, און דו וועסט נישט זיין קיין זנב. והיית רק למעלה, ולא תהיה למטה, דו וועסט זיין נאר אין דערהייך, און דו וועסט נישט זיין אונטען. כי תשמע אל מצות ה' אלקיך אשר אנכי מצוך היום לשמור ולעשות, אז דו וועסט אפהיטן די מצות פון די תורה, וועסטו זיין א ראש, און דו וועסט זיין למעלה, דו וועסט נישט זיין למטה. די מפרשים שטעלן זיך אז עס איז א דאפעלטער לשון, אז מען זאגט שוין והיית רק למעלה, דו וועסט זיין דערהויבן, איז דאך דער טייטש אז מען וועט נישט זיין למטה, נו וואס דארף דער פסוק צוגעבן נאכדעם, ולא תהיה למטה, אז דו וועסט נישט זיין למטה.

**ראש** השנה עסט מען א ראש דג, א ראש כבש, און מען זאגט אויך א ענליכע תפלה, יהי רצון שנהיה לראש ולא לזנב. איז דאך אויך די זעלבע שאלה, שנהיה לראש, א ראש איז נישט קיין זנב, און א זנב איז נישט קיין ראש. און אז מען זאגט שנהיה לראש, וואס גיט מען צו, ולא לזנב? עס איז מסתבר, אז עס נעמט זיך פון דעם לשון פון די תורה דא, די תורה זאגט דא אויך אזוי, ונתנך ה' לראש ולא לזנב, והיית רק למעלה ולא תהיה למטה.

**עס** קען אפשר זיין, אז דער ענין דערפון איז. עס איז דא א גמרא (פסחים נ.), וואס ברענגט צו דעם פסוק (זכריה יד-ו), והיה ביום ההוא, לא יהיה אור יקרות וקפאון, עס וועט נישט זיין א ליכטיגקייט פון יקרות און קפאון. ברענגט די גמרא א מימרא פון רבי יהושע בן לוי, אלו בני אדם, שיקרין הן בעולם הזה, עס זענען דא מענטשן, וואס אויף די וועלט זענען זיי טייער, זיי זענען חשוב, מען איז זיי מחשיב. רש"י זאגט, עשירים וחשובים, זיי זענען עשירים, זיי זענען חשובים, ואינן טובים למקום, אבער בינם לבין מקום, זענען זיי נישט אויסגעהאלטן. אויף די וועלט זענען זיי יקרים, זיי זענען אזוי טייער, וקפויין הן לעולם הבא, און זיי זענען גרינג אויף יענע וועלט, אויבן אין הימל איז מען זיי נישט מחשיב. אזוי ווי א זאך וואס איז גרינג, שוועבט אויפן וואסער, די זעלבע זענען זיי קפויין לעולם הבא. דרש'נט די גמרא, והיה ביום ההוא, לעתיד, לא יהיה אור יקרות, די וואס זענען געווען דא אויף די וועלט יקרות וקפאון, דארט וועלן זיי זיין נידריג.

**די** מימרא האט געזאגט רבי יהושע בן לוי, און די גמרא פארציילט א מעשה וואס האט פאסירט ביי דעם זון פון רבי יהושע לוי. אז דער זון פון רבי יהושע בן לוי חלש, איז קראנק געווען, ואיתנגיד, טייטשט רש"י, גוע ופרחה רוחו, ער איז אויסגעגאנגען פון זיין חולשה, און שפעטער האט ער זיך צוריק געכאפט. כי הדר, ווען ער איז צוריק געקומען, אמר ליה אבוה, האט אים דער פאטער געפרעגט, מאי חזית, וואס האסטו געזעהן אויבן אין

הימל. אמר ליה, עולם הפוך ראיתי, איך האב געזעהן א פארקערטע וועלט, ראיתי עליונים למטה ותחתונים למעלה, די וואס זענען געווען אויף די וועלט עליונים, דא זענען זיי געווען חשוב, האב איך געזעהן אויבן אין הימל אז זיי זענען למטה, אויבן זענען זיי נישט חשוב. די תחתונים, די וואס זענען געווען דא נידריג, די האב איך געזעהן אז זיי זענען חשוב אויבן אין הימל, א עולם הפוך. אמר לו, בני, עולם ברור ראית, 'די' וועלט איז הפוך, יענע וועלט איז נישט הפוך. דארט האסטו געזעהן די ריכטיגע וועלט, אז ווער עס איז חשוב איז חשוב, און ווער נישט, איז נישט חשוב. האט ער ווייטער געפרעגט, ואנן היכי התם, האט רבי יהושע בן לוי געזאגט אויף זיך, אונז תלמידי חכמים, ווי אזוי זענען מיר אויבן. האט ער געענטפערט, כי היכי דאיתו אנן הכא, הכי איתינן התם, אזוי ווי עטץ זענטס חשוב אויף די וועלט, זענט עטץ אויך חשוב אויף יענע וועלט.

**דאס** איז טייטש, אז ער האט געזעהן, אז נישט דער וואס איז חשוב אויף די וועלט, איז חשוב אויף יענע וועלט. קומט דאך אויס, אז עס קען אמאל זיין, אז א מענטש איז חשוב אויף די וועלט, אבער אויף יענע וועלט איז ער נישט חשוב. דא איז ער עליונים, אבער אויף יענע וועלט איז ער תחתונים. קומט אויס, אז יעדער וואס איז דא א ראש אויף די וועלט, איז נאך נישט טייטש אז אין הימל איז ער אויך א ראש. דא קען ער זיין א ראש, אבער אויבן אין הימל איז ער א זנב. דא אויף די וועלט איז ער למעלה, עליונים למעלה, און אויף יענע וועלט געפונט ער זיך למטה. דאס איז ווען ער איז נישט חשוב. טאמער אבער ער איז א אדם חשוב, איז כי היכי דאיתו אנן הכא, הכי איתינן התם, איז ער א ראש דא, און ער איז א ראש דארט אויבן. ער איז דא למעלה, און אויבן איז ער אויך למעלה.

**זאגט** די תורה הק', והיית רק למעלה, דו וועסט אייביג זיין נאר למעלה. וועסטו מיינען אז נאר אויף די וועלט וועסטו זיין למעלה, אבער ווען דו וועסט קומען אויף יענע וועלט, וועסטו זיין למטה. זאגט ער ניין, ולא תהיה למטה. כי תשמור לעשות את מצות ה', אז דו וועסט אפהיטן די מצוות פונעם אייבערשטען, וועט זיך נישט טוישן דיין סטאטו"ס וואס דו בוסט גרויס דא אויף די וועלט, און אויף יענע וועלט וועסטו אויך זיין למעלה. כי תשמור את מצוות ה', אז דו וועסט אפהיטן די מצוות פונעם אייבערשטען, וועסטו זיין למעלה אויף די וועלט, און אויך אויף יענע וועלט.

*

**איך** האב געזעהן שטיין, ער האט געזעהן א עולם הפוך. מען מוז נישט אנקומען ביז יענע וועלט צו וויסן אז דער וואס איז חשוב אויף די וועלט, איז נישט דער אמת'דיגער חשוב. און ווער עס איז נישט חשוב דא, איז נישט חשוב. אויף דעם דארף מען נישט ארויפקומען אויבן אין הימל, יעדער קען אליין אפשאצן דעם מענטש ווי אזוי ער איז. וואס האט ער געמיינט צו זאגן, אז ער האט געזעהן עליונים למטה ותחתונים למעלה.

**דער** פשט דערפון איז. אונז מעסט מיר יעדן מענטש אויף די וועלט, לויט זיין גרויסקייט. מען וועט אנכאפן אפילו אין תורה. איינער וואס קען כל התורה כולה, ווערט געמאסטן פאר א אדם גדול. איינער וואס קען האלב ש"ס, איז א קלענערע מדריגה. איינער וואס קען א פערטל ש"ס, וועט זיין נאך א קלענערע מדריגה. אונז טוה מיר מעסטן יעדן מענטש, לויט זיין קענטעניש וואס ער קען. די זעלבע זאך איז אין מידות. אונז מעסט מיר דעם מענטש, דער וואס איז א גרויסער בעל מידות, דער איז עליונים. ווער עס איז א שוואכערער בעל מידות, דער איז תחתונים. אין הימל מעסט מען אנדערש. אין הימל מעסט מען נישט ווי גרויס דער מענטש איז אין תורה, נאר וויפיל פלאג ער האט געגעבן פאר תורה. ווען איינער איז געבוירן געווארן מיט א גוטן קאפ, ער איז א בעל כשרון, און ער האט א זכרון נפלא, ער פארגעסט נישט קיין שום זאך וואס ער לערנט, ער דארף זיך נישט פלאגן אויף קיין שום זאך, ער האט א פאטאגראפישע קאפ [ווי מען רופט עס], אז וואס ער זעהט, בלייבט ביי אים. און ער האט זיך נישט קיין סאך געמוטשעט, און ער קען כל התורה כולה ממש. נאכדעם איז דא א יוד וואס ער קען נאר די האלבע תורה, אבער ער האט אריינגעלייגט אסאך פלאג, ביז ער איז אנגעקומען צו קענען דאס וואס ער קען. אין הימל איז דער צווייטער יוד חשוב'ער פון דעם וואס קען כל התורה כולה. ווייל אין הימל רעכנט מען וויפיל דו האסט זיך געפלאגט פאר תורה. די פלאג פון דעם, איז געווען אסאך מער, פון דעם וואס קען ווייניגער פון יענעם.

**א** מענטש איז אמאל געבוירן מיט גוטע מידות בעצם, פון אלץ קינד אן האט מען געזעהן אז ער האט גוטע מידות. ער איז א סבלן, ער איז נישט קיין כעסן, ער איז א גוטער, וכדומה, און יעדער רימט אים אויף די גוטע מידות וואס ער האט. נאכדעם איז דא איינער וואס איז געבוירן געווארן מיט שלעכטע מידות, און ער פלאגט זיך אויף יעדע מידה עס אויסצורייסן, ער רייסט אויס זיין קמצנות, און ער רייסט אויס זיין כעס וואס ער האט, און ער איז טאקע נישט צוגעקומען צו די מדריגה ער זאל זיין אלעס אויסגעארבעט, אבער דאס וואס ער האט, איז געקומען מיט א געוואלדיגע יגיעה ביז ער איז אנגעקומען דערצו.

**אויף** די וועלט ווערט מען זאגן, דער וואס איז אויסגעארבעט מיט די מידות די העכסטע, דער איז דער 'עליונים'. און דער איז נאר אויסגעארבעט האלב, דער איז די 'תחתונים'. אין הימל איז אנדערש. עליונים זענען למטה, דו האסט גארנישט געטון דערצו, דו ביסט אזוי געבוירען געווארן, וועגן דעם ביסטו אזוי. תחתונים, די וואס זענען געווען דא נידריג, אבער זיי האבן זיך געפלאגט אויף דעם וואס זיי זענען צוגעקומען, די זענען אויבן למעלה, די שטייען אויבן אויף א העכערע מדריגה.

**איך** מיין, מען רעדט נישט יעצט ווי רש"י טייטשט, אז עשירים וואס אינן טוב לשמים, און מען האט געזעהן אז דאס איז די עליונים למטה ותחתונים למעלה. מען רעדט טאקע וואס מען האט אפגעשאצט אויף די וועלט, זיי זענען באמת עליונים, און די זענען באמת תחתונים, זיי זענען נידריגער פון די אנדערע. אבער אין הימל ווערט עס געטוישט, די עליונים זענען למטה, און די תחתונים זענען למעלה.

*

**עס** קען זיין אז עס ליגט דערין נאך מער. עס זענען דא צוויי ערליי עליונים'ס, צוויי ערליי גדולי ישראל. איינער איז דא וואס ער איז טאקע פון די עליונים, אבער ער ווייסט זיין מעלה, ער ווייסט זיינע מידות וואס ער האט, און ער ווייסט וויפיל ער קען אין תורה, און ער האלט טאקע אז ער פאסט זיך צו זיין פון די עליונים, ווייל ער איז טאקע מער פונעם גאנצן ציבור צוזאמען. נאכדעם איז דא אזעלכע וואס זענען עליונים, אבער פאר זיך זענען זיי צובראכן אזוי ווי א חרס הנשבר. ער ווייסט נישט אפילו וואס מען האט אים אויסגעוועלט מער פון א צווייטען, און זיין פלאץ איז נישט אויבן, זיין פלאץ איז אונטען.ביידע זענען עליונים. אבער עס איז דא צווישן זיי אזעלכע וואס זיי ווייסן אז זיי זענען עליונים, און עס זענען דא אזעלכע וואס זענען עליונים, אבער אין הארץ זענען זיי תחתונים.

**ווען** ער איז ארויפגעקומען אויבן אין הימל, האט ער געזעהן, עליונים למטה, די וואס האבן געוואוסט אז זיי זענען עליונים, די זענען למטה. תחתונים, די וואס זענען געווען ביי זיך צובראכן, און זיי זענען געווען ביי זיך כחרס הנשבר, וואס זיי האבן געהאלטן אז זיי זענען די תחתונים, די זענען געשטאנען אויבן למעלה. ווייל דער עיקר ביים אייבערשטען איז געמאסטן, נישט נאר צו וואס דער מענטש איז צוגעקומען, נאר ענוה און שפלות רוח דאס איז די עטרה וואס מען געפונט ביי משה רבינו, והאיש משה עניו מאד מכל האדם אשר על פני האדמה (במדבר יב-ג), ער האט גארנישט געוואוסט אז ער איז עליונים, ער האט גארנישט געוואוסט פארוואס דער אייבערשטער האט אים אויסגעקליבן מער ווי א צווייטען. די עליונים וואס זיי האבן זיך געהאלטן פאר תחתונים, די זענען געווען למעלה.

**און** דאס איז געווען רבי יונתן. בעצם איז ער געווען עליונים, ער איז געווען פון די העכסטע וואס איז דא. אבער פאר זיך איז ער געווען תחתונים, ביי זיך האט ער געהאלטן אז ער איז נישט מער ווי א גוטער בחור, ווי א גוט יונגל, וואס קען אסאך וכדומה, אבער ער האט זיך נישט מחשיב געווען, אז ער איז אין די מדה פון עליונים. די עליונים וואס האבן זיך געהאלטן אז זיי זענען תחתונים, די זענען למעלה, די געפונען זיך אויבן בגנזי מרומים. און די וואס האבן זיך געהאלטן פאר עליונים, זיי זענען געווען גרויס, און זיך געהאלטן פאר גרויס, די זענען למטה, די זענען אויף א נידריגערע מעלה. די עליונים וואס האבן זיך געהאלטן פאר תחתונים, די זענען למעלה, די געפונען זיך אויבן, אויפן ריכטיגן מקום.

*

**עס** איז חודש אלול, יעדער איינער גרייט זיך דאך צום יום הדין. אן עם הארץ וואלט געזאגט, אז אלול

איז די ר"ת, ע'ליונים ל'מטה ו'תחתונים ל'מעלה, מען קען טאקע נישט אזוי זאגן, ווייל עליונים איז מיט א ע' און נישט מיט א א', אבער דאס דארף מען געדענקן, אז א'לו ל'מעלה ו'אלו ל'מטה. עס איז דא אלו ואלו, עס איז דא ביידע. און א מענטש דארף אויף די וועלט נישט קוקן ווי אזוי מען קוקט אויס אויף די וועלט, צו דא איז מען מן העליונים, צו נישט. ער דארף קוקן ווי אזוי מען וועט אונז רעכענען אויבן. זיך צוגרייטן דערצו, אז אויבן זאל מען נישט זיין פון די וואס זענען עליונים למטה, מען זאל ענדערש זיין פון די תחתונים דא, וואס אויבן געפונען זיי זיך למעלה.

**אלול** איז אויך די ראשי תיבות, א'היה ל'ראש ו'לא ל'זנב. מען דארף זיין א ראש, אבער נישט אזא ראש וואס שפעטער וועט מען זיין פון די תחתונים למטה, מען וועט זיין פון די וואס זענען א זנב. שנהיה לראש ולא לזנב, מען זאל קענען צוקומען דערצו, אז דא זאל מען זיין א ראש, צוקומען צו די מדריגה וואס מען דארף צוקומען, ולא לזנב, אפילו שפעטער זאל מען זיך נישט טוישן זיין סטאטו"ס פון וואס ער איז געוועזן אויף די וועלט, און קענען בלייבן מיט די ריכטיגע מדריגה. - אויף דעם האט רבי יהושע בן לוי געפרעגט, אנן היכי התם, ווי אזוי זענען מיר אונז דארטן. האט ער געענטפערט, עטץ זענטס למעלה למעלה, דא זענט עטץ א ראש, און אויבן זענט עטץ א ראש. כי היכי דאיתו אנן הכא, הכי איתינן התם, אזוי איז מען דארטן אויך. דאס איז די עבודה פון חודש אלול.

**עס** איז די יארצייט פון דעם גרויסן צדיק, וואס ער האט איבערגעלאזט די השפעה דא אויף אונז. די עליונים זענען למטה, כאטש זיי זענען אויבן אין הימל, זיי געפונען זיך אין די עליונים, אבער זייער השפעה און זייער קדושה, איז געבליבן אויף למטה, זיי קוקן זיך אום אויף די ארבעט וואס זיי האבן אריינגעלייגט אין די קהלה, אז עס זאל קענען ווייטער שטייגן, אז מען זאל קענען פירן אויף דעם דרך וואס זיי האבן געוואלט אז מען זאל זיך פירן. ער זאל ווייטער זיין א מליץ יושר פאר אונז אלע, אונז זאל מיר אלע זוכה זיין צו א גוט געבענטשט יאר, א פרייליך יאר, א לוסטיג יאר. ער זאל זיין א מליץ יושר פאר די גאנצע משפחה זיינע, קינדער און אייניקלעך תלמידי חכמים, בנים ובני בנים וואס זענען עוסקים בתורה ובמצוות. און אונז אלע אינאיינעם זאל מיר אקעגן גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

__*יום שני פרשת כי תצא*__

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **חנני' פאפלאנאש** הי"ו.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החופה של בת הר"ר **משה יצחק שווארץ** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **גבריאל פישער** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חינקא. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא.

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של בת הר"ר **יעקב ווערצבערגער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יהודא לאם** הי"ו, שהתקיים באולם לעגעסי.

אחר החופה נסע **רבינו שליט"א** לסקווירא לניחום אבלים אצל **כ"ק האדמו"ר מסקווירא שליט"א**, וחתנו **כ"ק האדמו"ר מזוועהיל שליט"א**, שישבו שבעה על פטירת הרבנית מזוועהיל ע"ה.

__*וזה תוכן השיחה:*__

**האדמו"ר מסקווירא:** דער נאמען [של הנפטרת הרבנית מזוועהיל ע"ה] איז געווען נאך דעם טאטן ז"ל'ס מאמע, זי האט געהייסן צפורה.

באמת ווען מען האט געפרעגט דעם טאטן ז"ל צו מען קען מכוון זיין נאך אנדערע נעמען אויך, האט דער טאטע ז"ל געזאגט, אז בעצם דארף מען געבן נאך איינעם, און מען קען מצרף זיין נאך א אנדערן, און אינזין האבן דאס 'אויך'.

**רבינו:** אויסער אריכת ימים האט מען אויך מקפיד געווען אויף אנדערע צרות וואס זענען געווען אין א שטוב, אדער נאר אויף אריכת ימים?

**האדמו"ר מסקווירא:** איך קען זאגן וואס עס איז געווען ביים טאטן ז"ל. אויף אריכת ימים האט ער זיכער מקפיד געווען. וואס הייסט מקפיד געווען? מען האט געגעבן דעם נאמען בצירוף. דאס הייסט, אז טאמער יענער האט נישט מאריך ימים געווען ל"ע, האט מען צוגעגעבן נאך א נאמען אויך?

**רבינו:** און אויב איינער האט יא לאנג געלעבט, אבער ער איז קראנק געווען, און כל ימיו איז געווען מכאוב, האט מען מקפיד געווען צוצולייגען א נאמען?

**האדמו"ר מסקווירא:** איך האב נישט געזעהן אזוי ווייט אז דער טאטע ז"ל זאל מקפיד געווען אויף דעם.

**האדמור מזוועהיל:** אויב איינער איז ר"ל גע'הרג'ט געווארן ביי די מלחמה, אפילו ער איז געווען העכער זעכציג יאר, האט מען צוגעגעבן א נאמען.

**האדמו"ר מסקווירא:** דאס יא, דאס איז א צווייטע זאך, ווייל עס איז נישט 'כדרך כל הארץ'.

עס איז געווען געציילטע זמנים וואס מען האט בכלל נישט געגעבן די נאמען. די באבע הרבנית מאוסטילא ע"ה (חמותו של **הרה"ק מסקווירא זי"ע**) איז געווען דער פעטער ז"ל'ס (**הרה"ק רבי אהרן מבעלזא זי"ע**) שוועסטער. פונעם זיווג ראשון פון **הרה"ק רבי ישכר דוב מבעלזא זי"ע** זענען דאך נישט געווען נאר די צוויי געשוויסטער, די אוסטילא רעבעצין און דער פעטער ז"ל. זייער מאמע איז אוועק ל"ע גאר יונג, זי האט געהייסען בתיה רוחמה. ווייזט אויס אז מען האט אפאר מאל געגעבן דעם נאמען, און עס האט זיך נישט געהאלטען ל"ע, דערפאר האט מען נישט געגעבן דעם נאמען אפילו בצירוף ווען מען האט צוגעלייגט א צווייטע נאמען. די זעלבע זאך איז געווען מיט די נאמען אליקים געציל, נאך **הרה"ק רבי אליקים געציל מאוסטראהה זי"ע**. אבער געווענליך האט מען יא געגעבן דעם נאמען, נאר מען האט צוגעגעבן א נאמען.

עס איז דא א בריוו פון הרה"ח רבי משה גבאי ז"ל, ווען ער איז געווען אין ארץ ישראל ביים **בעלזער רב זי"ע** אין יאר תש"ט. איינס פון די זאכען שרייבט ער דארט, אז ווען מען האט גערעדט פונעם זיידן דער **אוסטילא רב ז"ל**, האט דער פעטער, דער בעלזער רב ז"ל, געזאגט, אז דער אוסטילא רב איז געווען א אייגענער שוואגער, ווייל פון די מאמע איז נישט געווען נאר די צוויי געשוויסטער.

דער בעלזער רב האט אויך גערופן די צווייטע רעבעצין 'מאמע', ווייל זיי זענען געווען קליינע קינדער, און זי האט זיי מגדל געווען, אבער בעצם איז דאס געווען די מאמע.

**האדמו"ר מפאפא:** דער **פאלטישאנער רבי ז"ל** פלעגט דערציילן, אז מען האט מערערע מאל געזעהן, אז איידער דער בעלזער רב ז"ל איז אריין צו די צווייטע רעביצין פונעם טאטן, האט ער געזאגט 'הריני מוכן ומזומן לקיים מצות כיבוד אם, לרבות אשת אב'.

**האדמו"ר מסקווירא:** מען האט געשמועסט, אז ער האט געזאגט הריני מוכן ומזומן. איך האב פונקט לעצטנס דערמאנט, אז דער פעטער ז"ל איז אמאל געווען פארקילט ל"ע, און דער פאטער האט אים געזאגט, אז ער זאל נישט גיין אין מקוה. עס איז אבער געווען א פלא, אז יודען האבן געזעהן, אז יעדן טאג פלעגט ער גיין אויפן וועג צו די מקוה. - דאס האב איך געהערט פונעם טאטן ז"ל, אז ביים פעטער ז"ל, איז א ווארט פון פאטער, געווען קודש קדשים. דער טאטע ז"ל פלעגט זאגן, אז ווען מען פלעגט אריינקומען אין שטוב מיט די קינדער, פלעגט דער פעטער ז"ל שטיין ביים עק פונעם טיש, און ווען דער עלטער זיידע ז"ל האט געגעבן א הייב אויף די ברעמען, דאס האט געמיינט צו זאגן אז מען גייט שוין ענדיגן, איז ער געווען דער ערשטער וואס פלעגט ארויסלויפן. - ממילא איז דאס געווען א פלא'דיגע זאך, אז דער פאטער האט אים אנגעזאגט ער זאל נישט גיין אין מקוה, און ער איז געגאנגען צו די מקוה. שפעטער איז נתברר געווארן, אז ער פלעגט גיין אין מקוה, און ער פלעגט זיך אויסטון גרייט ארייצוגיין, און כדי מקיים צו זיין כיבוד אב נישט צו גיין, האט ער זיך אנגעטון און צוריק ארויסגעגאנגען...

**רבינו:** כיבוד אב איז אויך מטהר אזוי ווי א מקוה.

**האדמו"ר מסקווירא:** יא, א מצוה איז מטהר.

**האדמו"ר מפאפא:** מען דערציילט נאך, אז דער פריערדיגער רב ז"ל האט אנגעזאגט פארן זון דער רב ז"ל, אז ער דארף שעפן לופט, איז ער יעדן טאג צוגעגאנגען צום פענסטער, מקיים צו זיין כיבוד אב, צו שעפן לופט.

איך וויל זאגן פארן רבי'ן, אז עס איז אן אבילות, און עס איז א צער. ווייל דער רבי איז זיך משתתף מיטן צער פון אלע יודישע קינדער, איז אנו בתוכם זענען זיך אויך משתתף מיט דעם צער.

**האדמו"ר מסקווירא:** דער אייבערשטער זאל העלפן, זכות אבות זאל מגין זיין, אז אויף להבא זאל זיין חסדים נגלים.

**רבינו:** דער רבי איז זיך משתתף מיט שמחות אויך, דארף זיין שמחות.

**האדמו"ר מסקווירא איחל לרבינו:** מען קען שוין זאגען מזל טוב פאראויס (לנישואי נכד רבינו, ביום רביעי הבא). דער אייבערשטער זאל העלפן, עס זאל זיין בשעה טובה ומוצלחת אי"ה.

**רבינו:** די שמחה זאל ברענגען אסאך שמחות ביים רבי'ן אויך.

***יום שלישי פרשת כי תצא***

אחר תפלת שחרית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים לרגל היארצייט של הר"ר **צבי יהודא קיסנער** ע"ה (ממאנטריאל, גיסו של הרבנית מוואדקערט ע"ה, חמותו של **רבינו** שליט"א), שלא הניח זרע של קיימא.

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו:** ער האט מיך אויסגעהאלטן אסאך יארן. איך האב באקומען א נדן, וואס אפילו היינט וואלט עס געהייסן א געוואלדיגע סומע. צוואנציג טויזנט דאלער. עס איז דעמאלטס געווען צען מאל אזוי סאך ווי היינט.

**א' מהנוכחים:** ווען מען קוקט אויף ריע"ל עסטעי"ט, איז עס הונדערט מאל אזוי סאך.

**רבינו:** א גאנץ הויז צו קויפן דעמאלטס אין וויליאמסבורג האט נישט געקאסט מער פון צוואנציג טויזנט דאלער. אן א מארטגיט"ש, נאר אויסצוצאלען א גאנץ הויז.

**א' מהנוכחים:** היינט קאסט עס צוויי מיליאן, הונדערט מאל אזוי סאך.

**רבינו:** ער האט מיר געזאגט שפעטער, אז ער האט נישט געהאט דאס געלט, ער האט געבארגט געלט כדי ער זאל קענען געבן דעם נדן. יענעם יאר איז געווען די עקספא"ו אין מאנטריאל, און עס איז געקומען א גרויסער עולם אויף מאנטריאל, און יענעם זומער האט ער פארדינט דאס גאנצע געלט וואס ער האט געבארגט.

**הרה"ג ר' מיכל ניימאן שליט"א:** דער רב זאגט נאך אלעמאל, אז דער וואס האט געשטיצט דעם **חתם סופר** ווען ער איז שוין געווען גרויס, איז נישט אזא גרויסער זכות, נאר דער וואס האט געשטיצט אין די יוגענט, ער האט געמאכט דעם חתם סופר.

**רבינו:** עס איז היינט אויך די זעלבע. מען גיט געלט פאר א רב ווען ער איז שוין מסודר, אבער ווען מען גיט געלט פאר א יונגערמאן ער זאל קענען אויסוואקסען, איז עס אסאך א גרעסערער זכות. יששכר און זבולון איז נישט ווען יששכר איז שוין געווען א יששכר, נאר זבולון האט אים געמאכט פאר א יששכר.

**הג"ר מיכל ניימאן:** ער האט נישט געהאט קיין קינדער, אבער יעצט האט ער שוין אסאך קינדער...

**רבינו:** ער האט אריינגענומען א שוועגרין אין שטוב, מיט צוויי קינדער, געוואוינט צוזאמען אלע יארן, עס איז נישט אזוי גרינג. איין שוועסטער האט קינדער, און די אנדערע האט נישט, און מען וואוינט אין איין הויז. די השגות דעמאלטס זענען געווען אנדערע השגות פון היינט, מען האט אנדערש געלעבט. איך גלייב נישט אז היינט וואלט עס געקענט זיין במציאות, אז א שוועסטער זאל אריינעמען א שוועסטער מיט קינדער צו זיך. מילא די שוועסטער, זי איז דאך א שוועסטער, אבער א שוואגער... פראבלעמען מיט יחוד, מען האט זיך געדארפט מסדר זיין, נישט געקענט גיין אויף שמחות אליין. צדק לפניו יהלך.

*

אחר כך התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **נתנאל** (ב"ר מענדל) **ווייס** הי"ו.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של החתן **יהודה לייב** נ"ו בן הר"ר **אברהם שמואל סאמעט** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אשר אנשיל גאטטעסמאן** הי"ו, שהתקיים באולם ויואל משה.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הרה"ג רבי **חיים ישעי' שווימער** שליט"א, עב"ג בן הר"ר **יואל שווארץ** הי"ו, שהתקיים באולם קאנטינענטאל.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **מרדכי אנשיל לאקס** הי"ו, שהתקיים באולם בעדפארד פערעדייס.

אחר הבר מצוה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של בן **הרה"ג רבי בערל כ"ץ שליט"א** (בן כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א), עב"ג בת **הרה"ג רבי חיים יהודא כהנא שליט"א**, שהתקיים באולם אור החיים וויזניץ. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים הגאוה"צ שליט"א, ובריקוד מיוחד עם אחיו **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א**, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** בסעודת חתן מאהל של נכדו החתן הרב **יחזקאל שרגא כ"ץ** שליט"א, בן **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**, שהתקיים באולם ת"ת בעלזא.

***יום רביעי פרשת כי תצא***

## קול רנה וישועה באהלי צדיקים

בשעות הערב התקיימה החתונה הגדולה של נכד **כ"ק מרן רבינו שליט"א**, החתן **יחזקאל שרגא כ"ץ** נ"ו, בן **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א** (ר"מ בישיבה גדולה), חתן **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א**, עב"ג בת **הגה"צ רבי קלמן יהושע באב"ד שליט"א אבד"ק דראהביטש**, שהתקיים באולם ת"ת בעלזא.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבית ידידינו הרבני הנגיד הר"ר **יצחק שרגא גראס** הי"ו לקבל קהל אנ"ש שנכנסו להזכר בדבר ישועה ורחמים בהאי עידן חדוותא עילאה בבית צדיקים.

בהגיע מועד השמחה בשעה חמש וחצי לפנות ערב נכנס **רבינו שליט"א** יחד עם החתן והמחותנים הדגולים שליט"א להקבלת פנים שנערכה ברוב עם במעמד רבנים הגאוה"צ קרובי המשפחה שליט"א. מקהלת המשוררים הנעימו בניגוני התעוררות. - אחר שנשמעו חרוזים מיוחדים לכבוד החתן בהתעוררות רב, ולעורר זכות אבות החתן והכלה שיורדים להשתתף בשמחת צאצאיהם, סידר **רבינו שליט"א** את הכתובה. אחר כך הלבישו את החתן בהקיטל, **וכ"ק מרנן האדמו"רים שליט"א** נסעו עם החתן והמחותנים שליט"א לבאדעקן לאולם 'זמר' (מקום שהתקיים החתונה לנשים).

החופה התקיימה במעמד קהל רב על במה מיוחדת בחצר ת"ת בעלזא. אחר שניגנו ניגוני קודש בהתעוררות עצומה, נתכבד **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א** בסידור קידושין. בעדי קידושין נתכבדו **הרה"ג רבי שמחה אהרן שטראהלי שליט"א** דומ"ץ דקהלתנו הק' בוומסב"ג, **והרה"ג רבי אפרים ראזען שליט"א** דומ"ץ טארטיקוב. בקריאת הכתובה נתכבד **כ"ק האדמו"ר מבית חיים יהושע שליט"א**, דוד הכלה. סב הכלה **הרה"צ רבי ירמיה טייטלבוים שליט"א**, נתכבד בברכות ראשונות. כמו כן נתכבדו בברכה **הגה"צ רבי יחיאל באב"ד שליט"א** אב"ד טארטיקוב, **והרה"צ רבי חיים יהושע באב"ד שליט"א** נשיא כולל טארטיקוב. בברכה אחריתא נתכבד **כ"ק מרן רבינו שליט"א**. - עם סיום החופה איחלו **כ"ק האדמו"רים שליט"א** ברכת מזל טוב וברכות לרוב לכל קהל הנאספים, ויצאו כל הקהל בריקוד בשירה וזמרה.

כשעה אחר החופה נכנסו **כ"ק האדמו"רים שליט"א** לאולם החתונה שהיתה גדוש בקהל המונים תלמידים וחסידים שבאו לשמוח בשמחת בית צדיקים. **רבינו שליט"א** עבר על שלחן המזרח וקיבל את פני הרבנים הגאוה"צ שליט"א בהארת פנים.

במשך החתונה הגיעו אדמורי"ם ורבנים שליט"א להשתתף בשמחה הגדולה, ומאות רבות של אנ"ש ידידים וקרובי המשפחה עברו לברכת לחיים ואמירת מזל טוב **לרבינו שליט"א** והמחותנים שליט"א, כאשר מתחלק לכל המשתתפים הספר החדש **שו"ת ויגד משה** (שני כרכים על אורח חיים) מאוצר כת"י **הגה"צ רבי משה יהודא כ"ץ זצוק"ל הי"ד** רב הצעיר דקע"י סערדאהעלי, (נדבת לבו של ידידנו הנה"ח הר"ר **אברהם חיים שטערן** הי"ו), שיצא לאור על ידי '**מכון מעדני מלך**' בהוד ותפארת לרוות הצמאים לדבר ה'.

אחר אמירת לחיים ירד **רבינו שליט"א** לחלל היכל האולם, והמשיך בריקודין נלהבים עם החתן והמחותנים שליט"א ויוצ"ח, ובריקוד מיוחד ונלהב עם בנו אבי החתן **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**, כאשר קהל אנשי שלומינו מסובבים כחומה בשמחה של מצוה בעוז ותעצומות, שנמשך למשך שעה ארוכה. - בעת הריקודין יצא **רבינו שליט"א** במחול מיוחד עם אחיו הגדול **כ"ק האדמו"ר מסערדאהעלי שליט"א**.

בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי מרדכי שמואל באב"ד שליט"א** - דוד הכלה. בשבע ברכות נתכבדו: **הגה"צ אב"ד שטראסבורג שליט"א, הגה"צ אב"ד וואדקערט שליט"א, הרה"ג רבי שלום באב"ד שליט"א, הרה"ג רבי חיים יהודה באב"ד שליט"א, הרה"ג רבי אשר ראבינאוויטש שליט"א.** בברכה אחריתא נתכבד **הרה"צ רבי אהרן מרדכי רוקח שליט"א** (בן כ"ק האדמו"ר מבעלזא שליט"א).

אחר אמירת השבע ברכות נשמעו דברי חרוזים, וקראו את **הרה"צ רבי ירמיה טייטלבוים שליט"א** סב הכלה לריקוד מצוה טאנץ.

בהתעוררות מיוחדת נקרא **רבינו שליט"א** למצוה טאנץ על ידי הר"ר **אליעזר זוסיא קיש** הי"ו, והנעים בחרוזים מיוחדים לעורר אהבת קדומים זכות האבות הק' שעל ידם יושפע כל טוב, ובפרט לתלמידים וחסידים המקושרים לאילנא דחיי. - **רבינו שליט"א** רקד מצוה טאנץ לפני הכלה בעוז ותעצומות, ויניעו אמות הסיפים בעת **שרבינו שליט"א** מפזז ומכרכר בכל עוז במחיית כפים ביקוד אש קודש, בניגוני שמחה ושבח והודאה לה' יתברך, אשרי עין ראתה כל אלה.

אחר כך המשיך **רבינו שליט"א** בריקודין יחד עם נכדו החתן שליט"א, ועם בנו **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א** אבי החתן, שארכה למשך זמן מתוך שמחה ודביקות. ובסיום יצא במחול עם בני המשפחה יוצ"ח שליט"א.

אחר כך המשיכו במצוה טאנץ של סב החתן **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א**, והמחותנים שליט"א. שמחת החתונה הסתיימה בצהלה ושמחה בשעה ארבע וחצי לפנות בוקר. ויה"ר שמשמחה זו ישפע עלינו שפע קודש להתברך בכל מילי דמיטב.

*

***יום חמישי פרשת כי תצא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל שם תפלת מנחה.

אחר כך התקיימה סעודת שבע ברכות מיוחדת לתלמידי ישיבתינו הק', שנערך ברוב פאר בהיכל הבית מדרש, כאשר מאות בחורי הישיבות יושבים שורות שורות, כשבראש המסובין יושב בהדרו, רועה הנאמן, מאורם ומדריכם **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**, ולידו רמ"י הישיבה רבנן ותלמידיהון.

במשך סעודת השבע ברכות נשמעו דברים על ידי המשגיח **הרב יוחנן טווערסקי שליט"א, הרה"ג רבי אלימלך שפיצער שליט"א** (מנהל ישיבה גדולה), **הרה"ג רבי פישל לעווי שליט"א** (מנהל ישיבה קטנה).

בקשב רב נשמעו דברי תורה והדרכה על ידי הסב **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א**, אשר בתוך דבריו ביטא בהתפעלות הרושם הכביר שנתרשם מאת בחורי ישיבותינו, אשר בתוך הנהגתם ניכר עליהם חותמו של כהן גדול **רבינו שליט"א**, שמשפיע עליהם תורה ויראת שמים וחסידות ומדות טובות במדה גדושה. וסיים בברכה לראש משביר, שיזכה לנהל עדת קדשו מתוך בריות גופא ונהורא מעליא לאורך ימים ושנים טובים. אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש. – בסיום הדברות הקודש נשמעו דברי בדחנות מאת הר"ר **שלמה זלמן גראס** הי"ו.

***וזה תוכן השיחה:***

**עס** איז ביי מיר א גרויסע שמחה אנטייל צונעמען ביי די שבע ברכות, צוזאמען מיט די תלמידים פון די ישיבה. איך וועל רעדן אפאר ווערטער, ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן, וואס איז נוגע פאר בחורים, וואס עס איז נוגע פארן חתן, און וואס עס איז נוגע פאר אונז אלע.

**דער** מנהג איז, אז א חופה מאכט מען אינדרויסן אויף דער גאס, נישט אין קיין שטוב. יעדע מצוה טוט מען אין שטוב, עס איז כמעט נישט דא קיין מצוה וואס מען טוט אינדרויסן. דער מקור דערפון איז א **רמ"א** (אבן העזר סא-א) , דער רמ"א ברענגט צו א יש אומרים, א טייל זאגן, אז דער מנהג איז, אז מען זאל מאכן די חופה אינדרויסן אויף דער גאס. ער ברענגט א מנהג וואס איז נאר א יש אומרים, ער זאגט אפילו נישט וכן נוהגין, אז מען פירט זיך אזוי. אבער די גאנצע וועלט האט אזוי אנגענומען, אז מען מאכט א חופה אינדרויסן, און נישט אין שטוב. עס איז דא דערויף א תשובה אין **חתם סופר** (חלק אבן העזר סימן צח), וואס מען האט געוואלט איינפירן ערליכקייט, אינדרויסן איז א תערובות, און ווען מען מאכט עס אין שול, וועט זיין עקסטער די מענער אין שול, און די פרויען אין עזרת נשים. און דער חתם סופר שטעלט זיך זייער שטארק, אז א מנהג וואס איז געווען איינגעפירט ביי יודען טוישט מען נישט, און מען זאל נישט טוישן, נאר מען זאל מאכן די חופות אינדרויסן.

**דער** חתם סופר אין פרעשבורג, האט אפילו א חופה פון אן אלמנה, אויך געמאכט אינדרויסן אויף דער גאס, נישט אין שטוב. די וועלט פירט זיך נישט אזוי, א חופה פון אן אלמנה מאכט מען יא אין שטוב. און דער **פתחי תשובה** אויפן פלאץ זאגט א טעם דערויף. ווייל מען מאכט דאך א ברכה אויף די קידושין, טאר דאך נישט זיין קיין הפסק נאכדעם פון די ברכה ביז די קידושין. און א חלק פון די קנינים זענען חופה, און נאכדעם יחוד. ביי א בתולה איז חופה קונה, קומט אויס אז תיכף ווען מען האט געמאכט די ברכה, האט זיך שוין אנגעהויבן די קידושין אונטער די חופה, איז ממילא אפילו מען דארף שפעטער אריינגיין אינעם שטוב צו יחוד, האט זיך שוין אנגעהויבן די חופה אינדרויסן, וועגן דעם איז עס נישט קיין הפסק. אבער ביי אן אלמנה איז חופה נישט קונה, דארף זיין יחוד, און אריינצוגיין פון די גאס אריין אין שטוב, איז א הפסק צווישן די חופה און דעם יחוד, ממילא וועגן דעם האט מען זיך אזוי געפירט.

**דער** טעם פארוואס מען מאכט די חופות אינדרויסן, תחת כיפת הרקיע איז, ווייל אויפן הימל זענען דא כוכבים, שטערנס. מען געפונט ביי אברהם אבינו (בראשית טו-ה), בשעת דער אייבערשטער האט אים געזאגט, אז ער וועט אים געבן קינדער, ויוצא אותו החוצה, דער אייבערשטער האט אים ארויסגענומען אינדרויסן, און ער האט אים געזאגט, קוק ארויף אויפן הימל, צו דו קענסט ציילן די שטערנס, כה יהיה זרעך, אזוי וועלן זיין דיינע קינדער. די ברכה פון קינדער האט דער אייבערשטער געגעבן פאר אברהם אבינו אונטערן הימל, וועגן דעם מאכן מיר אויך די חופות אינדרויסן אויף דער גאס, כדי עס זאל האבן די ברכה, דער אייבערשטער זאל געבן, אז פון דעם זיווג זאל ארויסקומען קינדער אזוי ווי שטערנס. נישט נאר אסאך אין כמות, נאר עס זאל אויך האבן די חשיבות פון שטערנס אין איכות. - אז די גאנצע וועלט פירט זיך אזוי, ליגט דאך דברים בגו, און איך וויל עס מסביר זיין אין קליין געלט, וואס דער חתן זאל זיך לערנען דערפון. אלטע יודען קענען זיך לערנען דערפון, און בחורים אוודאי.

**די** וואך אין די פרשה איז די מצוה פון נאך די קידושין. כי יקח איש אשה חדשה, ווען א מענטש וועט חתונה האבן, לא יצא בצבא, זאל ער נישט ארויסגיין אין מיליטער, ווען עס איז געווען מלחמת ישראל, האט דאך יעדער געדארפט ארויסגיין אין מיליטער. ולא יעבור עליו לכל דבר. נקי יהיה לביתו שנה אחת, ושימח את אשתו אשר לקח (דברים כד-ה). עס איז דא א מצוה, די ערשטע יאר דארף מען משמח זיין די כלה מיט וועם ער האט חתונה געהאט. היינט איז דיין ערשטע טאג וואס דו הייבסט אן א פרישע מצוה, פון ושימח את אשתו אשר לקח, וואס דו האסט נישט געהאט ביז יעצט, און עס גייט נמשך ווערן א גאנץ יאר. [איך ווייס נישט, פארוואס מען מאכט נישט קיין שהחיינו אויף די מצוה, ווי אויף אנדערע מצוות, וואס ווען עס הייבט זיך אן א פרישע חיוב פון א מצוה, מאכט מען א שהחיינו].

**עס** קען זיין א געדאנק דערפון. די גמרא (חולין ס:) זאגט, אז ווען דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, האט ער באשאפן שני המאורות הגדולים (בראשית א-טז), צוויי גרויסע מאורות, די זון מיט די לבנה.ביידע זענען גרויס. שפעטער שטייט אין פסוק את המאור הגדול לממשלת היום, ואת המאור הקטן לממשלת הלילה, די זון איז גרעסער, און די לבנה איז קלענער. די זון זאל שיינען בייטאג, די לבנה זאל שיינען ביינאכט. די גמרא פרעגט, עס איז א סתירה. פריער זאגסטו אז עס איז געווען שני מאורות הגדולים, און נאכדעם זאגסטו אז עס איז א גדול מיט א קטן.

**זאגט** די גמרא, בשעת דער אייבערשטער האט באשאפן די זון און די לבנה, זענעןביידע געווען אייניג, א גרויסע זון מיט א גרויסע לבנה, די לבנה איז געווען פונקט אזוי גרויס ווי די זון. די לבנה איז געקומען מיט א טענה צום אייבערשטען, עס איז נישט מעגליך אז שני מלכים זאלן זיך משתמש זיין בכתר אחד, מען קען נישט מאכן צוויי חד בדרא'ס, אדער איז ער מלך, אדער איז דער מלך. האט דער אייבערשטער געזאגט, אז מען קען נישט, לכו ומיעטו עצמך, וועסטו ווערן קלענער. די זון זאל בלייבן זון, און דו וועסט ווערן קלענער. זאגט די לבנה, ווייל איך האב געזאגט א דבר הגון, וועגן דעם זאל איך קלענער ווערן? איך האב דאך גערעדט דברים של טעם, מען קען נישט מאכן קיין שני מלכים בכתר אחד. ווייל איך האב געפרעגט אזא שאלה, נעמסטו פון מיר אוועק דעם גרויסקייט.

**האט** דער אייבערשטער אנגעהויבן צו טרייסטן די לבנה, דו האסט אנדערע מעלות, דו וועסט מושל זיין ביום ובלילה. א לבנה איז דא בייטאג און ביינאכט, א זון איז נישט דא נאר בייטאג. די לבנה האט געענטפערט, דאס איז גארנישט, שרגא בטיהרא מאי אהני, וואס האב איך פון דעם וואס איך לייכט אויך בייטאג, קיינער באמערקט עס אפילו נישט. האט דער אייבערשטער געזאגט, אז צדיקים וועט מען רופן אין דיין נאמען. דוד הקטן, און אנדערע נעמען. און זי האט זיך נישט בארוהיגט. דער אייבערשטער האט געזעהן אז לא מייתבא דעתה, אז די לבנה בארוהיגט זיך נישט, האט דער אייבערשטער געזאגט, הביאו עלי כפרה, זייטס מקריב יעדן ראש חודש א קרבן פאר מיר, על שמיעטתי את הירח, אויף דעם וואס איך האב ממעט געווען די לבנה. - בפשטות קוקט דאך אויס, אז די לבנה האט געהאט א גוטע טענה, און דער אייבערשטער האט נישט געהאט מיט וואס ער זאל קענען בארוהיגן די לבנה, און איך בין איר שולדיג. דער אייבערשטער זאגט, ברענגטס א כפרה פאר

מיר, שמיעטתי את הירח, אויף דעם וואס איך האב קלענער געמאכט די לבנה.

**ווען** מען איז זיך מתבונן, זעהט מען אז די לבנה איז גארנישט אזא אומשולדיגע לעמעלע. זי פרעגט דעם אייבערשטען, ווי אזוי קען זיין שתי מלכים בכתר אחד, אזא שאלה פרעגט מען דעם אייבערשטען? דער רבונו של עולם באשאפט א וועלט, און ער ווייסט וואס די וועלט דארף האבן. ער באשאפט א זון מיט א לבנה, און ער האט זיין חשבון, ביידע האט ער געמאכט פאר מאורות הגדולים, אז זיי זאלן זיין גרויס. און די לבנה קומט, און זאגט פארן אייבערשטען, דו ווייסט רבונו של עולם, וואס דו האסט געטון קלאפט נישט. עס קען נישט זיין עס זאל זיין שני מלכים וואס זענען זיך משתמש בכתר אחד. און אנשטאט וואס דער אייבערשטער זאל געבן צוויי פעטש פאר די לבנה, איך האב דיר אזוי באשאפן, איך וויל אזוי, איך בין דער בעל הבית פון די וועלט, איך קען טון וואס איך וויל, און דו האסט נאך טענות צו מיר, וואס איך האב געטון, לכו ומעטי את עצמך! זאגט נאך די לבנה פארן אייבערשטען, בשביל שאמרתי דבר הגון, ווייל איך זאג אזא גוטע שאלה, וועגן דעם האסטו מיך ממעט געווען?! א דבר הגון האסטו געזאגט? זאגן פארן אייבערשטען אז וואס דו טוסט איז נישט גוט, דאס איז א דבר הגון? אזוי רעדט מען? דער באשעפער האט פארשטאנען, אז מען דארף יא האבן שני המאורות הגדולים.

**און** דער אייבערשטער האט אויף דעם אויך נישט געענטפערט, ער האט איר געלאזט מיט די טענה, דו האסט טאקע געזאגט א דבר הגון, לאמיר זעהן מיט וואס איך קען דיך מפייס זיין. איין זאך, די צווייטע זאך, עס גייט נישט, דער באשעפער, כביכול, הייבט אויף די הענט, הביאו עלי כפרה שמיעטתי את הירח. אין מדרש (ב"ר ו-ד) שטייט (והובא ברש"י בראשית א-טז), אז דער באשעפער האט איר יא מפייס געווען מיט א זאך. דער באשעפער האט באשאפן די כוכבים, די שטערנס, אז ווען די לבנה גייט ארויס, זאלן איר באגלייטן טויזענטער און מיליאנען שטערנס, און מיט דעם האט ער איר מפייס געווען. דער באשעפער האט געוואלט מפייס זיין די לבנה, עס איז נישט גענוג אז ער האט איר געגעבן איין אדער צוויי גבאים, ער האט איר געגעבן צוויי דריי שטערנס וואס זאלן מיטגיין מיט איר, נאר ער האט באשאפן מיליאנען כוכבים, וואס אם תוכל לספור אותם, וואס מען קען עס נישט ציילן, כדי אז די לבנה זאל זיך בארוהיגן.

**וואס** האט דער אייבערשטער מיט דעם אונז געלערנט? איינס, אז מען פרעגט נישט קיין קשיות אויפן רבונו של עולם. אז דער אייבערשטער באשאפט צוויי מאורות, דארף אזוי צו זיין, דער באשעפער ווייסט וואס ער טוט. אבער ווען יענער האט א טענה, און ער פארשטייט עס נישט, טוט מען נישט יענעם מדחה זיין, און זאגן, דו רעדסט נישט צו דער זאך, איך בין דער באשעפער, איך ווייס וואס איך טו, און א גוטן טאג... נאר מען זוכט יענעם מפייס צו זיין. די טענה'סט אז דו זאגסט א דבר הגון, דער באשעפער דינגט זיך אפילו נישט. יא, דו זאגסט אז עס איז יא גוט, פיין, איך וועל אננעמען דיין טענה, לאמיר זעהן וואס איך קען דיר צוריק העלפן, איך וועל מאכן אזוי און אזוי. און אז עס גייט נישט, זאגט דער רבונו של עולם, איך געב דיר מיליאנען שטערנס, וואס וועלן ארויסגיין דיך באגלייטן. און מיט דאס אלעס האט זי זיך נאך נישט בארוהיגט, סוף כל סוף, הביאו עלי כפרה שמיעטתי את הירח, מען דארף ברענגען א כפרה ווייל דער אייבערשטער האט ממעט געווען דעם ירח.

**דער** באשעפער האט אונז געוואלט לערנען, אז אפילו ווען עס איז דא שני מלכים אין א שטוב, דער באשעפער האט באשאפן שני מאורות הגדולים, און א מענטש וועט טענה'ן, אי אפשר לשני מלכים שישתמשו בכתר אחד, ווי אזוי גייען יעצט אריין שני מלכים אין איין שטוב, און יעדער וועט זיין דא א בעל הבית אין שטוב. און אמאל האט מען טענות איינער אויפן צווייטן, און מען זאגט פאר יענעם, לכו ומיעטו עצמך, איך בין דער בעל הבית אין שטוב, האלט דיך אין די ראמען. און יענער זאגט, איך זאל זיך האלטן אין די ראמען, בשביל שאמרתי דבר הגון, וועגן דעם זאל איך זיך ממעט זיין. טאר מען נישט צוריק ענטפערן, און מען דארף זאגן 'יא', אבער לאמיר זעהן מיט וואס איך קען דיך יא צופרידן שטעלן, וואס קען איך דיר יא ארויסהעלפן? איך וועל דיר געבן דאס, איך וועל דיר געבן יענס, איך וועל דיך באגלייטן מיט מיליאנען שטערנס, דו זאלסט ווערן רוהיג. און אז מען בארוהיגט זיך נאך אלץ נישט. זאגט דער רבונו של עולם, איך בין

שולדיג, איך גיי ברענגען א קרבן. איך האב געמאכט א טעות, און עס גייט נישט ווייטער געשעהן.

**עס** איז א געוואלדיגער לימוד מוסר השכל, ווי אזוי מען דארף זיך אויפפירן אין א שטוב. דער אייבערשטער העלפט, מען האט חתונה, און עס איז דא צוויי מענטשן אין א שטוב. - די וועלט זאגט, וואו עס איז דא צוויי מענטשן צוזאמען, איז דא דריי דיעות... - און עס דארף זיך צוזאמשטעלן איינס מיט דאס אנדערע. וואס ער פארשטייט אז עס גוט, פארשטייט די אנדערע אז עס איז נישט גוט. וואס ער וויל יא, זאגט דער צווייטער אז נישט. עס איז דאך דא פארשידענע דיעות אין מענטשן, כשם שאין פרצופותיהן שוות, כך אין דיעותיהם שוות (תנחומא פנחס י').

**דער** דיון וואס דער אייבערשטער האט געהאט מיט די זון און די לבנה, האט אויסגעלערנט דעם מענטש, אז אפילו ווען דו האלטסט אז אי אפשר לשני מלכים שישתמשו בכתר אחד. דער אייבערשטער פארשטייט אז עס קען יא זיין, און דו פארשטייסט אנדערש, און דו ביסט נישט גערעכט. און דו זאגסט נאך איך בין יא גערעכט, איך האב געזאגט א דבר הגון. ענטפער נישט צוריק, דו ביסט נישט גערעכט, און דו ווייסט נישט וואס דו רעדסט, און דו זאלסט טון וואס איך האב דיר געהייסן.. ניין, מען דארף זעהן וואס מען קען אויסגראדן, וואס קען איך דיר געבן עפעס אנדערש דערפאר? פיין, איך האב געטון אן עוולה, איך האב דיר געהייסן ממעט זיין, אפשר קען איך דיר עפעס אנדערש באצאלן. און מען דארף באצאלן אזויפיל, טאמער עס איז נישט גענוג טויזענט שטערנס, צען טויזענט, א מיליאן, פינף מיליאן. דאס איז דער וועג ווי אזוי דער אייבערשטער האט אונז אויסגעלערנט. און נאכדעם העלפט דער אייבערשטער, אז עס איז דא א שטוב פון שלום ווי עס דארף צו זיין.

**בשעת** מען האט חתונה, נעמט מען די חתן כלה, און מען טראגט זיי ארויס אינדרויסן אויף דער גאס, נישט אין שטוב, טראג זיי דארטן ווי די שטערנס זענען אין דער הייך, דארט זאלן זיי חתונה האבן, זיי זאלן ארויפקוקן מיט די אויגן אויף די שטערנס, פארוואס זענען דא אזויפיל שטערנס? ווייל די לבנה האט געהאט א טענה, און דער אייבערשטער האט געזוכט ווי אזוי מען קען בארוהיגן די לבנה, האט דער אייבערשטער געמאכט נאך און נאך שטערנס, ביז די לבנה וועט זיך בארוהיגן.

**אזוי** אויך ווען דו האסט חתונה, דארפסטו אויך אזוי טון. לערן דיך אויס, אז דאס איז דער וועג, אז מען מוז נישט זיין אייביג גערעכט אין שטוב, און מען מוז נישט אויף אלעם צוריק ענטפערן. און אפילו ווען יענער רעדט נישט צו דער זאך, זאגט מען נישט 'דו רעדסט נישט צו דער זאך'. ווען די לבנה האט געזאגט, בשביל שאמרתי דבר הגון זאל איך מיך ממעט זיין, האט דער אייבערשטער נישט געזאגט, א דבר הגון האסטו גערעדט? דו האסט נישט גערעדט צו דער זאך. ווען מען רעדט צום אייבערשטען, זאגסטו וואס ער זאל טון? יא, דו האסט גערעדט א דבר הגון, פארטיג, וויש דיר אפ די נאז, און זעה וואס דו קענסט צוהעלפן ווייטער, אז עס זאל זיין אהבה ואחוה ושלום וריעות אין דעם שטוב. - טראגט מען ארויס א חופה אינדרויסן, כדי זיך צו לערנען פון די כוכבים, קוק וואס דער אייבערשטער האט געטון כדי צו בארוהיגן די לבנה. און אז דו וועסט זיך אזוי פירן, וועסטו האבן א גליקלעך לעבן, און א גליקליכע שטוב.

*

**די** תורה זאגט, כי יקח איש אשה חדשה, לא יצא בצבא. אמאל איז דא וואס מען מיינט אז מען האט חתונה, עס הייבט זיך יעצט אן א קריג. ער זאגט אזוי, און זי גייט זאגן אנדערש, ביז מען וועט עס אויסגראדן איינס מיט דאס אנדערע. זאגט די תורה, ניין, ווען דו נעמסט א אשה חדשה, לא יצא בצבא, עס איז נישט דא קיין מלחמות, עס איז נישט דא וואס מען גייט זיך קריגן איינער מיטן צווייטען. דו דארפסט וויסן, אז דער אייבערשטער האט אונז צוזאמגעשטעלט, מיר זענען איש ואשה, יעדער איז א פלג גופא, א האלבער גוף. איש ואשה דארפן זיין צוזאמען, והיו לבשר אחד, איין גוף. ביי איין גוף, ווען א מענטש האט א זאך וואס איז אים גוט פאר די האנט, אבער עס וועט אים נישט זיין גוט פאר די פוס, וועט די האנט נישט זאגן, וואס אינטערעסירט מיך אז פארן פוס איז עס נישט גוט, פאר מיין האנט איז עס גוט, איך גיי עס נעמען. ניין, ער מאכט א חשבון, אפילו פאר מיין האנט איז עס גוט, אבער עס איז נישט גוט פאר מיין פוס, טו איך עס נישט. ווען א

מענטש ווייסט, אז דער באשעפער האט אזוי צוזאמגעשטעלט, אז די שני מלכים זאלן זיין א גוף אחד, אז עס איז א גוף אחד, רעכנט מען זיך מיט א צווייטען. דו רעכנסט זיך נישט מיט א צווייטען, דו רעכנסט זיך מיט דיר אליין! עס איז איין גוף, און אלעס דארף קלאפן פאר דעם גאנצן גוף צוזאמען.

**וועז** מען נעמט א אשה חדשה, לא יצא בצבא, פיר נישט קיין מלחמות, גיי נישט ארויס אין קיין קריג, ולא יעבור עליו לכל דבר, מוזט זיך נישט אויף יעדע זאך אפשטעלן, און יעדע זאך באמערקן. מען מוז נישט אלעס באמערקן, מאך דיר צו די אויגן. נישט אלעס וואס איז דא, דארף מען זעהן. נקי יהיה לביתו, מאך אזוי ווי עס איז ריין, עס איז גארנישט דא קיין עוולות, אלעס איז גוט, אלעס איז פיין. דעמאלטס וועסטו מקיים זיין ושימח את אשתו אשר לקח, וועט זיין א שטוב פון שמחה, און א שטוב פון פרייליכקייט. ווייל דאס איז דער גאנצער תכלית פון א יודישע שטוב, ווי מען ווינטשט אן, עס זאל זיין אהבה ואחוה ושלום וריעות, ליבשאפט, און א חברותא איינער מיטן צווייטן.

**אבער** דאס הייבט זיך נישט אן, א טאג נאך די חתונה. מען קען זיך נישט טוישן פון איין מינוט אויפן צווייטען. איך האב חתונה געהאט, פון יעצט אן וועל איך זיין זייער א וואויל קינד. איך וועל קיינמאל נישט צוריק ענטפערן, איך וועל אלעס מקבל זיין, און וואס מען זאגט, וועל איך אזוי טון. נאר, דאס איז אן עבודה פון יארן פאר מען האט חתונה. און יעצט איז די צייט, ווען מען איז אין די יונגע יארן, דארף מען ארבעטן אויף מידות טובות, מען דארף ארבעטן אויף וותרנות, מען דארף זיך קענען אויסקומען איינער מיטן צווייטען. אז דו קענסט נישט אויסקומען מיט דיין חבר אין איין שטוב, ווי אזוי וועסטו קענען אויסקומען מיט איינעם וואס דו וועסט דארפן וואוינען הונדערט און צוואנציג יאר אינאיינעם! דאס דארף מען זיך אויסלערנען ביז ווילאנג מען איז יונג, ביז ווילאנג מען איז נאך פאר זיך. יא, מען דארף קענען מוותר זיין! און עס דארף נישט זיין אייביג אזוי ווי איך זאג! מען מוז נישט אייביג אויספירן! מען דארף פארשטיין יענעם אויך, און געבן די געפיל פאר יענעם, - אפילו ווען דו ביסט גערעכט, און יענער איז נישט גערעכט, - וואס קען איך דיר ארויסהעלפן, איך האב געטון אן עוולה. אפשר וועסטו זיין מושל ביום ובלילה, איך וועל דיר געבן כוכבים, איך וועל דיר געבן טויזענטער כוכבים, אבער די זאך דארף ווערן אויסגעגלעט. און דעמאלטס, אז מען געוואוינט זיך אזוי אין די יוגענט, דעמאלטס קען מען לעבן בשלוה שפעטער.

**ב"ה**, דער חשוב'ער חתן, איך דארף אים נישט רומען דא, ווייל מען זיצט דאך צווישן חברים צוזאמען, יעדער קען אים, יעדער ווייסט זיינע מידות טובות, וואס ער ארבעט דערויף שוין יארן, אז ער זאל זיך קענען אויסארבעטן זיך צו זיין א אדם השלם. און דער אייבערשטער האט אים געהאלפן, ב"ה ער איז אויסגעוואקסן א פרי תפארת פאר די גאנצע משפחה, ער איז א מוסטער פאר אנדערע, ווי אזוי מען דארף אויסנוצן די בחור'ישע יארן פאר תורה און עבודה און מידות טובות.

**וויל** איך נאר אזויפיל וואונטשן פארן חתן, דער אייבערשטער זאל אים העלפן, עס זאל זיין ושימח את אשתו אשר לקח, עס זאל קענען זיין אהבה ואחוה ושלום וריעות אין די שטוב. און די ברכה קען מען געבן פאר אסאך יודען, וואס האבן נישט די רעספפ"י, און מען פלאגט זיך נאכדעם. אז מען ווייסט, ביי יעדע זאך, קוק אויף די לבנה מיט די כוכבים, און אזוי וועסטו פירן דיין שטוב, דעמאלטס וועט זיין אין אלע שטובער אהבה ואחוה. זאל דער אייבערשטער געבן, חתן כלה זאלן קענען אויפשטעלן א בית נאמן בישראל.

**מיין** חשוב'ער זון רבי משה מרדכי זאל זיין געזונט, וואס איך דארף אים אויך נישט פארשטעלן דא. יעדער זעהט זיין התמדת התורה, ער פארפעלט קיינמאל נישט א סדר פון ישיבה, און אלץ איז ער דא ארויסצוהעלפן פאר די בחורים. ער זיצט אין בית המדרש פון צופרי ביז ביינאכט, נישט קיין האלבן טאג, נאר א גאנצן טאג, יום ולילה, ארויסצוהעלפן פאר די בני ישיבה. מען זעהט ב"ה די שיינע פירות וואס ער האט אויפגעשטעלט. זאל אים דער אייבערשטער געבן ווייטער אויך, ער זאל זעהן אסאך שמחות און נחת ביי אלע קינדער און אייניקלעך. - בעיקר וויל איך אנוואונטשן פאר מיין חשוב'ן מחותן דער וויזשניצער רבי זאל זיין געזונט. עס איז ביי מיר א שמחה ווען אונז טרעף מיר זיך

צוזאמען. זאל דער אייבערשטער געבן, מען זאל זיך קענען שטענדיג צוזאמקומען פריילעכערהייט.

**עס** איז דאך חודש אלול וואס איז מזל בתולה, מען האט פריער גערעדט דערפון, עס איז סוף פונעם יאר, א זמן וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן אויסצונוצן און שטייגן אין תורה. עס איז אנהייב זמן, עס איז אריינגעקומען אזא חתונה אין אנהייב, ב"ה עס האט נישט געשטערט די לימודים פון די ישיבה, און היינט נאכמיטאג האט מיר געזאגט דער משגיח, אז מען איז געזעסן אין ישיבה, און מען האט געהערט א קול תורה ווי עס וואלט גארנישט געווען די נאכט. ב"ה מען קען זיך תיכף צוריקזעצן ווייטער לערנען, און נאך שבת אי"ה וועט מען קענען ווייטער ממשיך זיין די לימודים, און זיך צוגרייטן צו די הייליגע טעג.

**דער** אייבערשטער זאל אונז אלע בענטשן, די אלע וואס דארפן האבן שידוכים, זאל דער באשעפער זיי צושיקן בקרוב זאלן זיי געהאלפן ווערן, זיי זאלן קענען אויפשטעלן א בית נאמן בישראל. אונז אלע זאל מיר שטייגן אין תורה און עבודת ה', און זוכה זיין צו דינען דעם אייבערשטען מתוך שמחה וטוב לבב.

**מען** האט פריער גערעדט, עס איז די ערשטע שמחה וואס מען מאכט דא אין דעם מקום, די הנהלה פון די ישיבה וואס האבן אריינגעלייגט אזויפיל כח און ארבעט ביז מען איז צוגעקומען צו דעם, עס דערקענט זיך שוין די פירות דערפון, אז עס לערנט זיך מיט א אנדערן הרחבת הדעת, ווי עס איז געווען ביז יעצט. דער אייבערשטער זאל זיי באצאלן, זיי זאלן זעהן שמחות און נחת אין זייערע שטובער, און אלע זאלן געבענטשט ווערן מיט א כתיבה וחתימה טובה, א גוט געבענטשט יאר. מיר זאלן זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צוגיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

***<u>שבת קודש פרשת כי תצא</u>***

**רבינו שליט"א** הגיע לשבות את שבתו בעיר בארא פארק, לקראת השבע ברכות של נכדו החתן **הרב יחזקאל שרגא כ"ץ שליט"א**.

תפלות ליל ויום שבת קודש התפלל **רבינו שליט"א** ביחד עם המחותנים שליט"א בבית המדרש נחלת יעקב. - סעודות שבת קודש נערכו ברוח של שמחה מרוממת בשבת אחים גם יחד, בהיכל הכולל דסאטמאר (53).

ביום השבת אחר התפלה עלה **רבינו שליט"א** לבית הר"ר **יצחק זאב וויינשטאק** הי"ו לקידושא רבא. - בסעודתא דעתיקא קדישא הגיע סב החתן **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א** להשתתף בסעודת השבע ברכות.

דרשת פרקי אבות וסעודה שלישית ערך **רבינו שליט"א** במקהלות עם רב אנשי שלומינו בהיכל בית המדרש בבנין מתיבתא עץ חיים דבאבוב.

**רבינו שליט"א** הבדיל על הכוס בבית האכסניא אצל ידידנו הרבני הנגיד הר"ר **יצחק שרגא גראס** הי"ו, והמשיך לשוחח עם בעל האכסניא וקהל הנוכחים בצהלת פנים בדברי תורה ועובדין דצדיקיא.